# שְׁמוֹת

א וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה אֵת יַעֲקֹב אִישׁ
ב ג וּבֵיתוֹ בָּאוּ׃ רְאוּבֵן שִׁמְעוֹן לֵוִי וִיהוּדָה׃ יִשָּׂשכָר זְבוּלֻן
ד ה וּבִנְיָמִן׃ דָּן וְנַפְתָּלִי גָּד וְאָשֵׁר׃ וַיְהִי כָּל־נֶפֶשׁ יֹצְאֵי יֶרֶךְ־
ו יַעֲקֹב שִׁבְעִים נָפֶשׁ וְיוֹסֵף הָיָה בְמִצְרָיִם׃ וַיָּמָת יוֹסֵף וְכָל־
ז אֶחָיו וְכֹל הַדּוֹר הַהוּא׃ וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל פָּרוּ וַיִּשְׁרְצוּ וַיִּרְבּוּ
וַיַּעַצְמוּ בִּמְאֹד מְאֹד וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ אֹתָם׃ פ
ח וַיָּקָם מֶלֶךְ־חָדָשׁ עַל־מִצְרָיִם אֲשֶׁר לֹא־יָדַע אֶת־יוֹסֵף׃
ט וַיֹּאמֶר אֶל־עַמּוֹ הִנֵּה עַם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל רַב וְעָצוּם מִמֶּנּוּ׃
י הָבָה נִתְחַכְּמָה לוֹ פֶּן־יִרְבֶּה וְהָיָה כִּי־תִקְרֶאנָה מִלְחָמָה
וְנוֹסַף גַּם־הוּא עַל־שֹׂנְאֵינוּ וְנִלְחַם־בָּנוּ וְעָלָה מִן־הָאָרֶץ׃
יא וַיָּשִׂימוּ עָלָיו שָׂרֵי מִסִּים לְמַעַן עַנֹּתוֹ בְּסִבְלֹתָם וַיִּבֶן עָרֵי
יב מִסְכְּנוֹת לְפַרְעֹה אֶת־פִּתֹם וְאֶת־רַעַמְסֵס׃ וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ
יג אֹתוֹ כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ וַיָּקֻצוּ מִפְּנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיַּעֲבִדוּ
יד מִצְרַיִם אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּפָרֶךְ׃ וַיְמָרְרוּ אֶת־חַיֵּיהֶם
בַּעֲבֹדָה קָשָׁה בְּחֹמֶר וּבִלְבֵנִים וּבְכָל־עֲבֹדָה בַּשָּׂדֶה אֵת
טו כָּל־עֲבֹדָתָם אֲשֶׁר־עָבְדוּ בָהֶם בְּפָרֶךְ׃ וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ
מִצְרַיִם לַמְיַלְּדֹת הָעִבְרִיֹּת אֲשֶׁר שֵׁם הָאַחַת שִׁפְרָה וְשֵׁם
טז הַשֵּׁנִית פּוּעָה׃ וַיֹּאמֶר בְּיַלֶּדְכֶן אֶת־הָעִבְרִיּוֹת וּרְאִיתֶן עַל־
הָאָבְנָיִם אִם־בֵּן הוּא וַהֲמִתֶּן אֹתוֹ וְאִם־בַּת הִוא וָחָיָה׃
יז וַתִּירֶאןָ הַמְיַלְּדֹת אֶת־הָאֱלֹהִים וְלֹא עָשׂוּ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֲלֵיהֶן

ו׳ יתיה די שיטן פסוקת ויתחיל מתחלת שיטה ה׳

**א** 1 און דאָס זיינען די נעמען פון די קינדער פון ישראל וואָס זיינען געקומען קיין מִצרַיִם מיט יעקבן; איטלעכער מיט זיין הויזגעזינט זיינען זיי געקומען: 2 ראובן, שמעון, לֵוִי, און יהודה; 3 יִשָׂשׂכָר, זבולון, און בִנימין; 4 דָן און נפתלי, גָד און אָשר. 5 און אַלע נפשות וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון יעקבס דיך, זיינען געווען זיבעציק נפשות; און יוסף איז שוין געווען אין מִצרַיִם.

6 איז געשטאָרבן יוסף, און אַלע זיינע ברידער, און יענער גאַנצער דָור. 7 און די קינדער פון ישראל האָבן זיך געפרוכפּערט, און זיך געווידמענט און געמערט, און זיי זיינען געוואָרן זייער זייער שטאַרק, און דאָס גאַנצע לאַנד איז פול געוואָרן מיט זיי.

8 איז אויפגעשטאַנען אַ נייער מלך איבער מִצרַיִם, וואָס האָט ניט געקענט יוספן. 9 און ער האָט געזאָגט צו זיין פאָלק: זעט, דאָס פאָלק פון די קינדער פון ישראל איז מערער און שטאַרקער פון אונדז. 10 קומט לאָמיר זיך קלִיגן קעגן אים; אַניט וועט ער זיך מערן, און עס וועט זיין, אַז עס וועט זיך טרעפן אַ מלחמה, וועט ער אויך צושטיין צו אונדזערע פיינט, און ער וועט מלחמה האַלטן אויף אונדז, און וועט אַרויסגיין פון לאַנד.

11 האָבן זיי געמאַכט איבער אים צינזהאַרן, כּדי אים צו פייניקן מיט זייערע לאַסטאַרבעט, און ער האָט געבויט שפּייכלערשטעט פאַר פַּרעהן, פִּתום און רַעְמסֵס. 12 אָבער ווי זיי האָבן אים געפייניקט, אַזוי האָט ער זיך געמערט, און אַזוי האָט ער זיך צעשפּרייט; און זיי זיינען געווען אין שרעק פאַר די קינדער פון ישראל. 13 און די מִצרים האָבן געמאַכט אַרבעטן די קינדער פון ישראל מיט האַרטיקייט. 14 און זיי האָבן פאַרביטערט זייער לעבן מיט שווערער אַרבעט, ביי ליים און ביי ציגל, און ביי אַלערליי אַרבעט אין פעלד; אַלדי אַרבעט זייערע וואָס זיי האָבן מיט זיי געאַרבעט, איז געווען מיט האַרטיקייט.

15 און דער מלך פון מִצרַיִם האָט גערעדט צו די יִדישע הייבינס, וואָס דער נאָמען פון איינער איז געווען שִפרָה, און דער נאָמען פון דער צווייטער פּועָה, 16 און ער האָט געזאָגט: אַז איר העלפט די יִדישע ווייבער געבערן, זאָלט איר זען אויפן בראָכשטול, אויב דאָס איז אַ זון, זאָלט איר אים טייטן, און אויב דאָס איז אַ טאָכטער, זאָל זי בלייבן לעבן.

17 אָבער די הייבינס האָבן מורא געהאַט פאַר גאָט, און זיי האָבן ניט געטאָן אַזוי ווי דער מלך פון מִצרַיִם האָט זיי

אַנגעזאָגט, און זיי האָבן געלאָזט לעבן די ייִנגלעך. 18 האָט
דער מלך פון מִצרַיִם גערופן די הייבינס, און האָט צו זיי
געזאָגט: פאַרוואָס האָט איר געטאָן דידאָזיקע זאַך, און
געלאָזט לעבן די ייִנגלעך? 19 האָבן די הייבינס געזאָגט
צו פַּרעהן: ווייל ניט אַזוי ווי די מִצרישע ווייבער זיינען
די ייִדישע; וואָרום זיי זיינען לעבהאַפטיק; איידער די
הייבין קומט צו זיי, האָבן זיי שוין געבאָרן.
20 און גאָט האָט באַגיטיקט די הייבינס; און דאָס
פאָלק האָט זיך געמערט, און זיי זיינען געוואָרן זייער
שטאַרק. 21 און עס איז געווען, ווייל די הייבינס האָבן
מורא געהאַט פאַר גאָט, האָט ער זיי געמאַכט הייזער.
22 און פַּרעה האָט באַפוילן זיין גאַנצן פאָלק, אַזוי
צו זאָגן: יעטוועדער זון וואָס ווערט געבאָרן, זאָלט איר
אים אין טייך אַריינוואַרפן, און יעטוועדער טאָכטער
זאָלט איר לאָזן לעבן.

ב 1 און אַ מאַן פון דעם הויז פון לֵוִי איז געגאַנגען און
האָט גענומען אַ טאָכטער פון לֵוִי. 2 און די פרוי
איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון; און זי
האָט אים געזען אַז ער איז שיין, און האָט אים באַהאַלטן
דריי חדשים. 3 און אַז זי האָט אים מער ניט געקענט באַ־
האַלטן, האָט זי גענומען פאַר אים אַ קעסטל פון יאַמש,
און האָט עס אויסגעקלעפּט מיט ליים און מיט פעך; און
זי האָט אַריינגעטאָן דערין דאָס קינד, און האָט עס אַהינ־
געטאָן אין די ריטלעך ביים ברעג טייך. 4 און זיין שוועס־
טער האָט זיך געשטעלט פון דער ווייטן, צו וויסן וואָס
מיט אים וועט געשען.
5 און די טאָכטער פון פַּרעהן האָט אַראָפּגענידערט
זיך צו באָדן אין טייך; און אירע מיידלעך זיינען אומגעגאַנגען ביין זייט טייך. האָט זי דערזען דאָס קעסטל צווישן די
ריטלעך, און זי האָט געשיקט איר דינסט, און האָט עס געלאָזט נעמען. 6 און זי האָט עס געעפנט, און האָט עס
דערזען–דאָס קינד–ערשט אַ ייִנגל וואָס וויינט. האָט זי זיך דערבאַרימט אויף אים, און האָט געזאָגט: פון די קינדער
פון די עִברים איז דערדאָזיקער. 7 האָט זיין שוועסטער געזאָגט צו פַּרעהס טאָכטער: זאָל איך גיין און דיר רופן אַ זייג־
פרוי פון די ייִדישע ווייבער, אַז זי זאָל זייגן פאַר דיר דאָס קינד? 8 האָט פַּרעהס טאָכטער צו איר געזאָגט: גיי. איז
די מיידל געגאַנגען און האָט גערופן די מוטער פון דעם קינד. 9 און פַּרעהס טאָכטער האָט צו איר געזאָגט: נעם אַוועק
דאָסדאָזיקע קינד, און זייג עס פאַר מיר, און איך וועל דיר געבן דיין לוין. האָט די פרוי גענומען דאָס קינד, און האָט עס
געזייגט.
10 און אַז דאָס קינד איז גרעסער געוואָרן, האָט זי אים געבראַכט צו פַּרעהס טאָכטער, און ער איז איר געוואָרן
פאַר אַ זון. און זי האָט גערופן זיין נאָמען משֶׁה, און האָט געזאָגט: ווייל פון וואַסער האָב איך אים אַרויסגעצויגן[א].
11 און עס איז געווען אין יענע טעג, אַז משה איז אויפגעוואַקסן, איז ער אַרויסגעגאַנגען צו זיינע ברידער,
און האָט זיך צוגעקוקט צו זייערע לאַסטאַרבעט; און ער האָט געזען אַ מאַן אַ מִצרי שלאָגן אַ מאַן אַ ייִדן,
פון זיינע ברידער. 12 האָט ער זיך אומגעקוקט אַהער און אַהין, און אַז ער האָט געזען אַז קיין מענטש איז ניטאָ,

שני מֶלֶךְ מִצְרָיִם וַתְּחַיֶּיןָ אֶת־הַיְלָדִים׃ וַיִּקְרָא מֶלֶךְ־מִצְרַיִם
לַמְיַלְּדֹת וַיֹּאמֶר לָהֶן מַדּוּעַ עֲשִׂיתֶן הַדָּבָר הַזֶּה וַתְּחַיֶּיןָ
יט אֶת־הַיְלָדִים׃ וַתֹּאמַרְןָ הַמְיַלְּדֹת אֶל־פַּרְעֹה כִּי לֹא כַנָּשִׁים
הַמִּצְרִיֹּת הָעִבְרִיֹּת כִּי־חָיוֹת הֵנָּה בְּטֶרֶם תָּבוֹא אֲלֵהֶן
כ הַמְיַלֶּדֶת וְיָלָדוּ׃ וַיֵּיטֶב אֱלֹהִים לַמְיַלְּדֹת וַיִּרֶב הָעָם וַיַּעַצְמוּ
כא מְאֹד׃ וַיְהִי כִּי־יָרְאוּ הַמְיַלְּדֹת אֶת־הָאֱלֹהִים וַיַּעַשׂ לָהֶם
כב בָּתִּים׃ וַיְצַו פַּרְעֹה לְכָל־עַמּוֹ לֵאמֹר כָּל־הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאֹרָה
תַּשְׁלִיכֻהוּ וְכָל־הַבַּת תְּחַיּוּן׃ פ

ב

א וַיֵּלֶךְ אִישׁ מִבֵּית לֵוִי וַיִּקַּח אֶת־בַּת־לֵוִי׃ וַתַּהַר הָאִשָּׁה
ב וַתֵּלֶד בֵּן וַתֵּרֶא אֹתוֹ כִּי־טוֹב הוּא וַתִּצְפְּנֵהוּ שְׁלֹשָׁה יְרָחִים׃
ג וְלֹא־יָכְלָה עוֹד הַצְּפִינוֹ וַתִּקַּח־לוֹ תֵּבַת גֹּמֶא וַתַּחְמְרָה
בַחֵמָר וּבַזָּפֶת וַתָּשֶׂם בָּה אֶת־הַיֶּלֶד וַתָּשֶׂם בַּסּוּף עַל
ד שְׂפַת הַיְאֹר׃ וַתֵּתַצַּב אֲחֹתוֹ מֵרָחֹק לְדֵעָה מַה־יֵּעָשֶׂה
ה לוֹ׃ וַתֵּרֶד בַּת־פַּרְעֹה לִרְחֹץ עַל־הַיְאֹר וְנַעֲרֹתֶיהָ הֹלְכֹת
עַל־יַד הַיְאֹר וַתֵּרֶא אֶת־הַתֵּבָה בְּתוֹךְ הַסּוּף וַתִּשְׁלַח אֶת־
ו אֲמָתָהּ וַתִּקָּחֶהָ׃ וַתִּפְתַּח וַתִּרְאֵהוּ אֶת־הַיֶּלֶד וְהִנֵּה־נַעַר
ז בֹּכֶה וַתַּחְמֹל עָלָיו וַתֹּאמֶר מִיַּלְדֵי הָעִבְרִים זֶה׃ וַתֹּאמֶר
אֲחֹתוֹ אֶל־בַּת־פַּרְעֹה הַאֵלֵךְ וְקָרָאתִי לָךְ אִשָּׁה מֵינֶקֶת
ח מִן הָעִבְרִיֹּת וְתֵינִק לָךְ אֶת־הַיָּלֶד׃ וַתֹּאמֶר־לָהּ בַּת־פַּרְעֹה
ט לֵכִי וַתֵּלֶךְ הָעַלְמָה וַתִּקְרָא אֶת־אֵם הַיָּלֶד׃ וַתֹּאמֶר לָהּ
בַּת־פַּרְעֹה הֵילִיכִי אֶת־הַיֶּלֶד הַזֶּה וְהֵינִקִהוּ לִי וַאֲנִי אֶתֵּן
י אֶת־שְׂכָרֵךְ וַתִּקַּח הָאִשָּׁה הַיֶּלֶד וַתְּנִיקֵהוּ׃ וַיִּגְדַּל הַיֶּלֶד
וַתְּבִאֵהוּ לְבַת־פַּרְעֹה וַיְהִי־לָהּ לְבֵן וַתִּקְרָא שְׁמוֹ מֹשֶׁה
יא וַתֹּאמֶר כִּי מִן־הַמַּיִם מְשִׁיתִהוּ׃ וַיְהִי בַּיָּמִים הָהֵם וַיִּגְדַּל
מֹשֶׁה וַיֵּצֵא אֶל־אֶחָיו וַיַּרְא בְּסִבְלֹתָם וַיַּרְא אִישׁ מִצְרִי
יב מַכֶּה אִישׁ־עִבְרִי מֵאֶחָיו׃ וַיִּפֶן כֹּה וָכֹה וַיַּרְא כִּי אֵין אִישׁ

ב, ג׳ ה בלא מפיק

א מְשִׁיתִיהוּ.

יג וַיַּךְ אֶת־הַמִּצְרִי וַיִּטְמְנֵהוּ בַּחוֹל׃ וַיֵּצֵא בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי וְהִנֵּה
שְׁנֵי־אֲנָשִׁים עִבְרִים נִצִּים וַיֹּאמֶר לָרָשָׁע לָמָּה תַכֶּה רֵעֶךָ׃
יד וַיֹּאמֶר מִי שָׂמְךָ לְאִישׁ שַׂר וְשֹׁפֵט עָלֵינוּ הַלְהָרְגֵנִי אַתָּה
אֹמֵר כַּאֲשֶׁר הָרַגְתָּ אֶת־הַמִּצְרִי וַיִּירָא מֹשֶׁה וַיֹּאמַר אָכֵן
טו נוֹדַע הַדָּבָר׃ וַיִּשְׁמַע פַּרְעֹה אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה וַיְבַקֵּשׁ לַהֲרֹג
אֶת־מֹשֶׁה וַיִּבְרַח מֹשֶׁה מִפְּנֵי פַרְעֹה וַיֵּשֶׁב בְּאֶרֶץ־מִדְיָן
טז וַיֵּשֶׁב עַל־הַבְּאֵר׃ וּלְכֹהֵן מִדְיָן שֶׁבַע בָּנוֹת וַתָּבֹאנָה
וַתִּדְלֶנָה וַתְּמַלֶּאנָה אֶת־הָרְהָטִים לְהַשְׁקוֹת צֹאן אֲבִיהֶן׃
יז וַיָּבֹאוּ הָרֹעִים וַיְגָרְשׁוּם וַיָּקָם מֹשֶׁה וַיּוֹשִׁעָן וַיַּשְׁקְ אֶת־
יח צֹאנָם׃ וַתָּבֹאנָה אֶל־רְעוּאֵל אֲבִיהֶן וַיֹּאמֶר מַדּוּעַ מִהַרְתֶּן
יט בֹּא הַיּוֹם׃ וַתֹּאמַרְןָ אִישׁ מִצְרִי הִצִּילָנוּ מִיַּד הָרֹעִים וְגַם־
כ דָּלֹה דָלָה לָנוּ וַיַּשְׁקְ אֶת־הַצֹּאן׃ וַיֹּאמֶר אֶל־בְּנֹתָיו וְאַיּוֹ
כא לָמָּה זֶּה עֲזַבְתֶּן אֶת־הָאִישׁ קִרְאֶן לוֹ וְיֹאכַל לָחֶם׃ וַיּוֹאֶל
מֹשֶׁה לָשֶׁבֶת אֶת־הָאִישׁ וַיִּתֵּן אֶת־צִפֹּרָה בִתּוֹ לְמֹשֶׁה׃
כב וַתֵּלֶד בֵּן וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ גֵּרְשֹׁם כִּי אָמַר גֵּר הָיִיתִי
בְּאֶרֶץ נָכְרִיָּה׃ פ
כג וַיְהִי בַיָּמִים הָרַבִּים הָהֵם וַיָּמָת מֶלֶךְ מִצְרַיִם וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי־
יִשְׂרָאֵל מִן־הָעֲבֹדָה וַיִּזְעָקוּ וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל־הָאֱלֹהִים מִן־
כד הָעֲבֹדָה׃ וַיִּשְׁמַע אֱלֹהִים אֶת־נַאֲקָתָם וַיִּזְכֹּר אֱלֹהִים אֶת־
כה בְּרִיתוֹ אֶת־אַבְרָהָם אֶת־יִצְחָק וְאֶת־יַעֲקֹב׃ וַיַּרְא אֱלֹהִים
אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֵּדַע אֱלֹהִים׃ ס

ג

רב׳ וּמֹשֶׁה הָיָה רֹעֶה אֶת־צֹאן יִתְרוֹ חֹתְנוֹ כֹּהֵן מִדְיָן וַיִּנְהַג
אֶת־הַצֹּאן אַחַר הַמִּדְבָּר וַיָּבֹא אֶל־הַר הָאֱלֹהִים חֹרֵבָה׃
ב וַיֵּרָא מַלְאַךְ יְהוָה אֵלָיו בְּלַבַּת־אֵשׁ מִתּוֹךְ הַסְּנֶה וַיַּרְא
ג וְהִנֵּה הַסְּנֶה בֹּעֵר בָּאֵשׁ וְהַסְּנֶה אֵינֶנּוּ אֻכָּל׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה
אָסֻרָה־נָּא וְאֶרְאֶה אֶת־הַמַּרְאֶה הַגָּדֹל הַזֶּה מַדּוּעַ לֹא־

ג, א׳ בתביר

האָט ער דערשלאָגן דעם מִצרי, און האָט אים באַהאַלטן אין זאַמד. [13] און ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן צווייטן טאָג, ערשט צוויי מענער יִידן ראַנגלען זיך; האָט ער געזאָגט צו דעם אומגערעכטן: פאַרוואָס שלאָגסטו דיין חבר? [14] האָט יענער געזאָגט: ווער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ מאַן אַ האַר און אַ ריכטער איבער אונדז? צי מיינסטו מיך צו הרגען, אַזוי ווי דו האָסט געהרגעט דעם מִצרי? האָט משה מורא געקראָגן, און ער האָט געזאָגט: פאַרוואָר, די זאַך איז דערוווּסט געוואָרן.

[15] און פַּרעה האָט געהערט פון דערדאָזיקער זאַך, און ער האָט געוואָלט הרגען משהן. איז משה אַנטלאָפן פון פאַר פַּרעהן, און ער האָט זיך באַזעצט אין לאַנד מִדיָן; און ער איז געזעסן ביי אַ ברונעם. [16] און דער פּריסטער פון מִדיָן האָט געהאַט זיבן טעכטער; זיינען זיי געקומען, און האָבן אָנגעשעפּט און אָנגעפילט די קאָריטעס, כּדי אָנצוטרינקען די שאָף פון זייער פאָטער. [17] אָבער די פּאַסטוכער זיינען געקומען, און האָבן זיי אַוועקגעטריבן. איז משה אויפגעשטאַנען און האָט זיי געהאָלפן, און האָט אָנגעטרונקען זייערע שאָף. [18] און אַז זיי זיינען געקומען צו זייער פאָטער רְעוּאֵלן, האָט ער געזאָגט: פאַרוואָס זייט איר היינט געקומען אַזוי גיך? [19] האָבן זיי געזאָגט: אַ מאַן אַ מִצרי האָט אונדז געהאָלפן פון דער האַנט פון די פּאַסטוכער, און אויך אָנשעפּן האָט ער אָנגעשעפּט פאַר אונדז, און האָט אָנגעטרונקען די שאָף. [20] האָט ער געזאָגט צו זיינע טעכטער: און אַווּ איז ער? פאַרוואָס דען האָט איר דעם מאַן איבערגעלאָזט? רופט אים, און זאָל ער עסן ברויט.

[21] און משה האָט אַיינגעוויליקט צו בלייבן ביי דעם מאַן; און ער האָט געגעבן משהן זיין טאָכטער צִפּוֹרָהן. [22] און זי האָט געבאָרן אַ זון, און ער האָט גערופן זיין נאָמען גֵרשום, ווייל ער האָט געזאָגט: איך בין אַ פרעמדער[א] אין אַ פרעמדן לאַנד.

[23] און עס איז געווען אין יענער לאַנגער צייט, איז געשטאָרבן דער מלך פון מִצרַיִם, און די קינדער פון ישראל האָבן געזיפצט פון דער קנעכטשאַפט, און זיי האָבן געשריען, און זייער געשריי איז אויפגעגאַנגען צו גאָט פון דער קנעכטשאַפט. [24] און גאָט האָט געהערט זייער קרעכצן, און גאָט האָט געדאַכט אָן זיין בונד מיט אַברהמען, מיט יצחקן, און מיט יעקבן. [25] און גאָט האָט געזען די קינדער פון ישראל, און גאָט האָט געמערקט.

ג [1] און משה האָט געפּיטערט די שאָף פון זיין שווער יִתרוֹן, דעם פּריסטער פון מִדיָן, און ער האָט געפירט די שאָף צום מדבר צו, און ער איז געקומען צום באַרג פון גאָט, צו חורֵב. [2] האָט זיך באַוויזן צו אים אַ מלאך פון גאָט אין אַ פלאַמפייער פון מיטן פון אַ דאָרן, און ער האָט געזען, ערשט דער דאָרן ברענט אין פייער, און דער דאָרן ווערט ניט פאַרצערט. [3] האָט משה געזאָגט: לאָמיך אַקאָרשט אָפּקערן און זען דידאָזיקע גרויסע זעאונג, פאַרוואָס

[א] גֵר.

דער דאָרן ווערט ניט פאַרברענט. 4 און ווי גאָט האָט געזען, אַז ער האָט אָפּגעקערט צו זען, אַזוי האָט גאָט גערופן צו אים פון מיטן דאָרן, און האָט געזאָגט: משה! משה! האָט ער געענטפערט: דאָ בין איך. 5 האָט ער געזאָגט: זאָלסט ניט גענענען אַהער; טו אויס דיינע שיך פון דיינע פיס, וואָרום דער אָרט וואָס דו שטייסט אויף אים, דאָס איז הייליקע ערד. 6 און ער האָט געזאָגט: איך בין דער גאָט פון דיין פאָטער, דער גאָט פון אַברהמען, דער גאָט פון יצחקן, און דער גאָט פון יעקבן. און משה האָט פאַרבאָרגן זיין פּנים, ווייל ער האָט מורא געהאַט צו קוקן אויף גאָט. 7 און גאָט האָט געזאָגט: זען געזען האָב איך די פּיין פון מיין פאָלק וואָס אין מִצרַיִם, און איך האָב צוגעהערט זיין געשריי פון וועגן זיינע דריקער, וואָרום איך ווייס זיינע ווייטאָקן. 8 און איך האָב אַראָפּגענידערט אים מציל צו זיין פון דער האַנט פון מִצרַיִם, און אים אויפצוברענגען פון יענעם לאַנד אין אַ גוטן און אַ ברייטן לאַנד, אין אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, אין דעם אָרט פון דעם כּנַעֲני, און דעם חִתּי, און דעם אֱמוֹרי, און דעם פּרִזי, און דעם חִוי, און דעם יבוסי. 9 און אַצונד, זע, דאָס געשריי פון די קינדער פון ישׂראל איז געקומען צו מיר, און איך האָב אויך געזען די דריקונג וואָס די מִצרים דריקן זיי. 10 דרום קום אַצונד, און איך וועל דיך שיקן צו פּרעהן, און צי אַרויס מיין פאָלק, די קינדער פון ישׂראל, פון מִצרַיִם. 11 האָט משה געזאָגט צו גאָט: ווער בין איך, אַז איך זאָל גיין צו פּרעהן, און אַז איך זאָל אַרויסציען די קינדער פון ישׂראל פון מִצרַיִם? 12 האָט ער געזאָגט: אָבער איך וועל זיין מיט דיר; און דאָס וועט דיר זיין דער צייכן, אַז איך האָב דיך געשיקט. ווען דו ציסט אַרויס דאָס פאָלק פון מִצרַיִם, וועט איר דינען גאָט אויף דעמדאָזיקן באַרג. 13 האָט משה געזאָגט צו גאָט: אָט קום איך צו די קינדער פון ישׂראל, און איך וועל זאָגן צו זיי: דער גאָט פון אַייערע עלטערן האָט מיך געשיקט צו אַייך, און זיי וועלן זאָגן צו מיר: וואָס איז זיין נאָמען? וואָס זאָל איך זאָגן צו זיי? 14 האָט גאָט געזאָגט צו משהן: איך בין וואָס איך בין. און ער האָט געזאָגט: אַזוי זאָלסטו זאָגן צו די קינדער פון ישׂראל: „איך בין" האָט מיך געשיקט צו אַייך. 15 און גאָט האָט ווייטער געזאָגט צו משהן: אַזוי זאָלסטו זאָגן צו די קינדער פון ישׂראל: יהוה, דער גאָט פון אַייערע עלטערן, דער גאָט פון אַברהמען, דער גאָט פון יצחקן, און דער גאָט פון יעקבן, האָט מיך געשיקט צו אַייך. דאָס איז מיין נאָמען אויף אייביק, און דאָס איז מיין געדעכעניש אויף דור־דורות. 16 גיי, און זאָלסט אַיינזאַמלען די עלטסטע פון ישׂראל, און זאָגן צו זיי: יהוה, דער גאָט פון אַייערע עלטערן,

ד יִבְעַר הַסְּנֶה׃ וַיַּרְא יְהוָה כִּי סָר לִרְאוֹת וַיִּקְרָא אֵלָיו
אֱלֹהִים מִתּוֹךְ הַסְּנֶה וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר הִנֵּנִי׃
ה וַיֹּאמֶר אַל־תִּקְרַב הֲלֹם שַׁל־נְעָלֶיךָ מֵעַל רַגְלֶיךָ כִּי הַמָּקוֹם
ו אֲשֶׁר אַתָּה עוֹמֵד עָלָיו אַדְמַת־קֹדֶשׁ הוּא׃ וַיֹּאמֶר אָנֹכִי
אֱלֹהֵי אָבִיךָ אֱלֹהֵי אַבְרָהָם אֱלֹהֵי יִצְחָק וֵאלֹהֵי יַעֲקֹב
ז וַיַּסְתֵּר מֹשֶׁה פָּנָיו כִּי יָרֵא מֵהַבִּיט אֶל־הָאֱלֹהִים׃ וַיֹּאמֶר
יְהוָה רָאֹה רָאִיתִי אֶת־עֳנִי עַמִּי אֲשֶׁר בְּמִצְרָיִם וְאֶת־
צַעֲקָתָם שָׁמַעְתִּי מִפְּנֵי נֹגְשָׂיו כִּי יָדַעְתִּי אֶת־מַכְאֹבָיו׃
ח וָאֵרֵד לְהַצִּילוֹ ׀ מִיַּד מִצְרַיִם וּלְהַעֲלֹתוֹ מִן־הָאָרֶץ הַהִוא
אֶל־אֶרֶץ טוֹבָה וּרְחָבָה אֶל־אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ אֶל־
מְקוֹם הַכְּנַעֲנִי וְהַחִתִּי וְהָאֱמֹרִי וְהַפְּרִזִּי וְהַחִוִּי וְהַיְבוּסִי׃
ט וְעַתָּה הִנֵּה צַעֲקַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל בָּאָה אֵלָי וְגַם־רָאִיתִי אֶת־
י הַלַּחַץ אֲשֶׁר מִצְרַיִם לֹחֲצִים אֹתָם׃ וְעַתָּה לְכָה וְאֶשְׁלָחֲךָ
יא אֶל־פַּרְעֹה וְהוֹצֵא אֶת־עַמִּי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם׃ וַיֹּאמֶר
מֹשֶׁה אֶל־הָאֱלֹהִים מִי אָנֹכִי כִּי אֵלֵךְ אֶל־פַּרְעֹה וְכִי
יב אוֹצִיא אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם׃ וַיֹּאמֶר כִּי־אֶהְיֶה
עִמָּךְ וְזֶה־לְּךָ הָאוֹת כִּי אָנֹכִי שְׁלַחְתִּיךָ בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת־
הָעָם מִמִּצְרַיִם תַּעַבְדוּן אֶת־הָאֱלֹהִים עַל הָהָר הַזֶּה׃
יג וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־הָאֱלֹהִים הִנֵּה אָנֹכִי בָא אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
וְאָמַרְתִּי לָהֶם אֱלֹהֵי אֲבוֹתֵיכֶם שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם וְאָמְרוּ־לִי
יד מַה־שְּׁמוֹ מָה אֹמַר אֲלֵהֶם׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֶל־מֹשֶׁה אֶהְיֶה
אֲשֶׁר אֶהְיֶה וַיֹּאמֶר כֹּה תֹאמַר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶהְיֶה שְׁלָחַנִי
טו אֲלֵיכֶם׃ וַיֹּאמֶר עוֹד אֱלֹהִים אֶל־מֹשֶׁה כֹּה תֹאמַר אֶל־
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבֹתֵיכֶם אֱלֹהֵי אַבְרָהָם אֱלֹהֵי
יִצְחָק וֵאלֹהֵי יַעֲקֹב שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם זֶה־שְּׁמִי לְעֹלָם וְזֶה
חמ׳ זִכְרִי לְדֹר דֹּר׃ לֵךְ וְאָסַפְתָּ אֶת־זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ
אֲלֵהֶם יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבֹתֵיכֶם נִרְאָה אֵלַי אֱלֹהֵי אַבְרָהָם

ד׳ משה משה בלא פסיק בינתים

יִצְחָק וְיַעֲקֹב לֵאמֹר פָּקֹד פָּקַדְתִּי אֶתְכֶם וְאֶת־הֶעָשׂוּי
לָכֶם בְּמִצְרָיִם׃ וָאֹמַר אַעֲלֶה אֶתְכֶם מֵעֳנִי מִצְרַיִם אֶל־ יז
אֶרֶץ הַכְּנַעֲנִי וְהַחִתִּי וְהָאֱמֹרִי וְהַפְּרִזִּי וְהַחִוִּי וְהַיְבוּסִי אֶל־
אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ׃ וְשָׁמְעוּ לְקֹלֶךָ וּבָאתָ אַתָּה וְזִקְנֵי יח
יִשְׂרָאֵל אֶל־מֶלֶךְ מִצְרַיִם וַאֲמַרְתֶּם אֵלָיו יְהוָה אֱלֹהֵי
הָעִבְרִיִּים נִקְרָה עָלֵינוּ וְעַתָּה נֵלְכָה־נָּא דֶּרֶךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים
בַּמִּדְבָּר וְנִזְבְּחָה לַיהוָה אֱלֹהֵינוּ׃ וַאֲנִי יָדַעְתִּי כִּי לֹא־יִתֵּן יט
אֶתְכֶם מֶלֶךְ מִצְרַיִם לַהֲלֹךְ וְלֹא בְּיָד חֲזָקָה׃ וְשָׁלַחְתִּי כ
אֶת־יָדִי וְהִכֵּיתִי אֶת־מִצְרַיִם בְּכֹל נִפְלְאֹתַי אֲשֶׁר אֶעֱשֶׂה
בְּקִרְבּוֹ וְאַחֲרֵי־כֵן יְשַׁלַּח אֶתְכֶם׃ וְנָתַתִּי אֶת־חֵן הָעָם־ כא
הַזֶּה בְּעֵינֵי מִצְרָיִם וְהָיָה כִּי תֵלֵכוּן לֹא תֵלְכוּ רֵיקָם׃
וְשָׁאֲלָה אִשָּׁה מִשְּׁכֶנְתָּהּ וּמִגָּרַת בֵּיתָהּ כְּלֵי־כֶסֶף וּכְלֵי כב
זָהָב וּשְׂמָלֹת וְשַׂמְתֶּם עַל־בְּנֵיכֶם וְעַל־בְּנֹתֵיכֶם וְנִצַּלְתֶּם
אֶת־מִצְרָיִם׃

ד

וַיַּעַן מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר וְהֵן לֹא־יַאֲמִינוּ לִי וְלֹא יִשְׁמְעוּ בְּקֹלִי א
כִּי יֹאמְרוּ לֹא־נִרְאָה אֵלֶיךָ יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו יְהוָה מַזֶּה ב
בְיָדֶךָ וַיֹּאמֶר מַטֶּה׃ וַיֹּאמֶר הַשְׁלִיכֵהוּ אַרְצָה וַיַּשְׁלִכֵהוּ ג
אַרְצָה וַיְהִי לְנָחָשׁ וַיָּנָס מֹשֶׁה מִפָּנָיו׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־ ד
מֹשֶׁה שְׁלַח יָדְךָ וֶאֱחֹז בִּזְנָבוֹ וַיִּשְׁלַח יָדוֹ וַיַּחֲזֶק בּוֹ וַיְהִי
לְמַטֶּה בְּכַפּוֹ׃ לְמַעַן יַאֲמִינוּ כִּי־נִרְאָה אֵלֶיךָ יְהוָה אֱלֹהֵי ה
אֲבֹתָם אֱלֹהֵי אַבְרָהָם אֱלֹהֵי יִצְחָק וֵאלֹהֵי יַעֲקֹב׃ וַיֹּאמֶר ו
יְהוָה לוֹ עוֹד הָבֵא־נָא יָדְךָ בְּחֵיקֶךָ וַיָּבֵא יָדוֹ בְּחֵיקוֹ
וַיּוֹצִאָהּ וְהִנֵּה יָדוֹ מְצֹרַעַת כַּשָּׁלֶג׃ וַיֹּאמֶר הָשֵׁב יָדְךָ אֶל־ ז
חֵיקֶךָ וַיָּשֶׁב יָדוֹ אֶל־חֵיקוֹ וַיּוֹצִאָהּ מֵחֵיקוֹ וְהִנֵּה־שָׁבָה
כִּבְשָׂרוֹ׃ וְהָיָה אִם־לֹא יַאֲמִינוּ לָךְ וְלֹא יִשְׁמְעוּ לְקֹל הָאֹת ח
הָרִאשׁוֹן וְהֶאֱמִינוּ לְקֹל הָאֹת הָאַחֲרוֹן׃ וְהָיָה אִם־לֹא ט

---

ג,כ׳ קמץ בז״ק ד,ב׳ מה זה ק׳

דער גאָט פון אַברהם, יצחק, און יעקב, האָט זיך באַוויזן צו מיר, אַזוי צו זאָגן: דאַכטן האָב איך געדאַכט אָן אײַך, און אָן וואָס אײַך ווערט געטאָן אין מִצרַיִם. [17] און איך האָב געזאָגט: איך וועל אײַך אויפברענגען פון דער פּײַן פון מִצרַיִם, אין לאַנד פון דעם כּנַעֲני, און דעם חִתּי, און דעם אֶמוֹרי, און דעם פּרִזי, און דעם חִוי, און דעם יבוּסי, אין אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק. [18] און זיי וועלן צוהערן צו דײַן קָול, און וועסט קומען, דו און די עלטסטע פון ישׂראל, צו דעם מלך פון מִצרַיִם, און איר וועט זאָגן צו אים: יהוה, דער גאָט פון די עִברים, האָט זיך געטראָפן פאַר אונדז. און אַצונד, לאָמיר גיין, איך בעט דיך, דרײַ טעג וועגס אין דער מדבר, כּדי מיר זאָלן שלאַכטן צו יהוה אונדזער גאָט. [19] און איך ווייס אַז דער מלך פון מִצרַיִם וועט אײַך ניט לאָזן גיין סײַדן דורך אַ שטאַרקער האַנט. [20] וועל איך אויסשטרעקן מײַן האַנט, און איך וועל שלאָגן מִצרַיִם מיט אַלע מײַנע וווּנדער, וואָס איך וועל טאָן דערין, און דערנאָך וועט ער אײַך אַוועק לאָזן. [21] און איך וועל געבן דעמדאָזיקן פאָלק חן אין די אויגן פון מִצרַיִם, און עס וועט זײַן, אַז איר וועט אַרויסגיין, וועט איר ניט אַרויסגיין מיט ליידיקן; [22] נאָר יעטוועדער פרוי וועט אַנטלייען פון איר שכנטע, און פון דער וואָס וווינט מיט איר אין הויז, זילבערנע זאַכן, און גילדערנע זאַכן, און קליידער; און איר וועט זיי אָנטאָן אויף אײַערע זין און אויף אײַערע טעכטער, און איר וועט אויסליידיקן מִצרַיִם.

ד [1] האָט געענטפערט משה און האָט געזאָגט: אָבער זיי וועלן דאָך מיר ניט גלויבן, און וועלן ניט צוהערן צו מײַן קָול, וואָרום זיי וועלן זאָגן: גאָט האָט זיך ניט באַוויזן צו דיר. [2] האָט גאָט צו אים געזאָגט: וואָס איז דאָס אין דײַן האַנט? האָט ער געזאָגט: אַ שטעקן. [3] האָט ער געזאָגט: טו אים אַ וואָרף צו דער ערד. האָט ער אים אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד, און ער איז געוואָרן אַ שלאַנג; און משה איז אַנטלאָפן פאַר איר. [4] האָט גאָט געזאָגט צו משהן: שטרעק אויס דײַן האַנט, און נעם זי אָן פאַרן עק—האָט ער אויסגעשטרעקט זײַן האַנט, און האָט זי אָנגענומען, און זי איז געוואָרן אַ שטעקן אין זײַן האַנט—[5] כּדי זיי זאָלן גלויבן, אַז יהוה, דער גאָט פון זייערע עלטערן, דער גאָט פון אַברהמען, דער גאָט פון יצחקן, און דער גאָט פון יעקבן, האָט זיך באַוויזן צו דיר.

[6] און גאָט האָט ווידער צו אים געזאָגט: שטעק אַקאָרשט אַרײַן דײַן האַנט אין דײַן בוזעם. האָט ער אַרײַנגעשטעקט זײַן האַנט אין זײַן בוזעם; און ווי ער האָט זי אַרויסגעצויגן, ערשט זײַן האַנט איז מצורע [ווייס] ווי שניי. [7] האָט ער געזאָגט: קער אום דײַן האַנט אין דײַן בוזעם. האָט ער אומגעקערט זײַן האַנט אין זײַן בוזעם; און ווי ער האָט זי אַרויסגעצויגן פון זײַן בוזעם, ערשט זי איז ווידער געוואָרן אַזוי ווי זײַן לײַב.

[8] „און עס וועט זײַן, אַז זיי וועלן דיר ניט גלויבן, און וועלן ניט צוהערן צו דעם קָול פון דעם ערשטן צייכן, וועלן זיי גלויבן דעם קָול פון דעם לעצטן צייכן. [9] און עס וועט זײַן, אַז זיי וועלן

דידאָזיקע בײדע צייכנס אויך ניט גלויבן, און וועלן ניט צוהערן צו דיין קָול, זאָלסטו נעמען פון די וואַסערן פון טייך, און אויסגיסן אויף דער יבשה, און דאָס וואַסער וואָס דו וועסט נעמען פון טייך, וועט ווערן בלוט אויף דער יבשה".

10 האָט משה געזאָגט צו גאָט: איך בעט דיך, גאָט, איך בין ניט קיין מענטש פון ווערטער, סיי פון נעכטן, סיי פון אײערנעכטן, סיי פון זינט דו רעדסט צו דיין קנעכט; וואָרום איך בין שווער אויפן מויל, און שווער אויף דער צונג. 11 האָט גאָט געזאָגט צו אים: ווער האָט געמאַכט דעם מענטשן אַ מויל? אָדער ווער מאַכט שטום, אָדער טויב, אָדער זעעדיק, אָדער בלינד, אויב ניט איך, גאָט? 12 דרום גײ אַצונד, און איך וועל זיין מיט דיין מויל, און וועל דיך לערנען וואָס דו זאָלסט רעדן. 13 האָט ער געזאָגט: איך בעט דיך, גאָט, שיק דורך וועמען דו וועסט שיקן.

14 האָט דער צאָרן פון גאָט געגרימט אויף משהן, און ער האָט געזאָגט: איז ניט פאַראַן אהרן דיין ברודער, דער לֵוִי? איך ווייס אַז ער קען יאָ רעדן. און זע, ער גייט דיר נאָך אַרויס אַנטקעגן, און ווי ער וועט דיך דערזען, אַזוי וועט ער זיך האַרציק דערפרייען. 15 און וועסט רעדן צו אים, און וועסט אַרײנטאָן די ווערטער אין זיין מויל, און איך וועל זיין מיט דיין מויל, און מיט זיין מויל, און וועל אײַך לערנען וואָס איר זאָלט טאָן. 16 און ער וועט רעדן פאַר דיר צום פאָלק; און עס וועט זיין, ער וועט דיר זיין פאַר אַ מויל, און דו וועסט אים זיין ווי אַ גאָט. 17 און זאָלסט נעמען אין דיין האַנט דעמדאָזיקן שטעקן, וואָס מיט אים וועסטו טאָן די צייכנס.

18 איז משה געגאַנגען און האָט זיך אומגעקערט צו זיין שווער יִתרון, און האָט צו אים געזאָגט: לאָמיך גיין, איך בעט דיך, און זיך אומקערן צו מיינע ברידער וואָס אין מִצרַיִם, און לאָמיך זען אויב זיי לעבן נאָך. האָט יִתרוֹ געזאָגט צו משהן: גײ בשלום.

19 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן אין מִדיָן: גײ קער זיך אום קיין מִצרַיִם, וואָרום געשטאָרבן זיינען די אַלע מענטשן וואָס האָבן געזוכט דיין לעבן.

20 האָט משה גענומען זיין וויב און זיינע זין, און האָט זיי אַרויפגעזעצט אויף אַן אייזל, און ער האָט זיך אומגעקערט קיין לאַנד מִצרַיִם. און משה האָט מיטגענומען דעם שטעקן פון גאָט אין זיין האַנט.

21 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: ווען דו גייסט זיך אומקערן קיין מִצרַיִם, מערק אַלע וווּנדער וואָס איך האָב אַרײנגעטאָן אין דיין האַנט, אַז דו זאָלסט זיי טאָן פאַר פַּרעהן; אָבער איך וועל פעסט מאַכן זיין האַרץ, און ער וועט ניט אַוועקלאָזן דאָס פאָלק. 22 און זאָלסט זאָגן צו פַּרעהן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: מיין ערשטגעבאָרענער זון איז ישׂראל; 23 און איך האָב צו דיר געזאָגט: לאָז אַוועק מיין זון, ער זאָל מיר דינען, און דו ווילסט אים ניט אַוועקלאָזן; זע, איך הרגע דיין ערשטגעבאָרענעם זון.

24 און עס איז געווען אונטערוועגס אין אַ האַרבעריק, האָט אים באַגעגנט גאָט, און האָט אים געוואָלט

יַאֲמִינוּ גַּם לִשְׁנֵי הָאֹתוֹת הָאֵלֶּה וְלֹא יִשְׁמְעוּן לְקֹלֶךָ
וְלָקַחְתָּ מִמֵּימֵי הַיְאֹר וְשָׁפַכְתָּ הַיַּבָּשָׁה וְהָיוּ הַמַּיִם אֲשֶׁר
י תִּקַּח מִן־הַיְאֹר וְהָיוּ לְדָם בַּיַּבָּשֶׁת׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־
יְהוָה בִּי אֲדֹנָי לֹא אִישׁ דְּבָרִים אָנֹכִי גַּם מִתְּמוֹל גַּם
מִשִּׁלְשֹׁם גַּם מֵאָז דַּבֶּרְךָ אֶל־עַבְדֶּךָ כִּי כְבַד־פֶּה וּכְבַד
יא לְשׁוֹן אָנֹכִי׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלָיו מִי שָׂם פֶּה לָאָדָם אוֹ
מִי־יָשׂוּם אִלֵּם אוֹ חֵרֵשׁ אוֹ פִקֵּחַ אוֹ עִוֵּר הֲלֹא אָנֹכִי יְהוָה׃
יב וְעַתָּה לֵךְ וְאָנֹכִי אֶהְיֶה עִם־פִּיךָ וְהוֹרֵיתִיךָ אֲשֶׁר תְּדַבֵּר׃
יג וַיֹּאמֶר בִּי אֲדֹנָי שְׁלַח־נָא בְּיַד־תִּשְׁלָח׃ וַיִּחַר־אַף יְהוָה
יד בְּמֹשֶׁה וַיֹּאמֶר הֲלֹא אַהֲרֹן אָחִיךָ הַלֵּוִי יָדַעְתִּי כִּי־דַבֵּר
יְדַבֵּר הוּא וְגַם הִנֵּה־הוּא יֹצֵא לִקְרָאתֶךָ וְרָאֲךָ וְשָׂמַח
טו בְּלִבּוֹ׃ וְדִבַּרְתָּ אֵלָיו וְשַׂמְתָּ אֶת־הַדְּבָרִים בְּפִיו וְאָנֹכִי
אֶהְיֶה עִם־פִּיךָ וְעִם־פִּיהוּ וְהוֹרֵיתִי אֶתְכֶם אֵת אֲשֶׁר תַּעֲשׂוּן׃
טז וְדִבֶּר־הוּא לְךָ אֶל־הָעָם וְהָיָה הוּא יִהְיֶה־לְּךָ לְפֶה וְאַתָּה
יז תִּהְיֶה־לּוֹ לֵאלֹהִים׃ וְאֶת־הַמַּטֶּה הַזֶּה תִּקַּח בְּיָדֶךָ אֲשֶׁר
תַּעֲשֶׂה־בּוֹ אֶת־הָאֹתֹת׃ פ
ששי וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וַיָּשָׁב ׀ אֶל־יֶתֶר חֹתְנוֹ וַיֹּאמֶר לוֹ אֵלְכָה נָּא
וְאָשׁוּבָה אֶל־אַחַי אֲשֶׁר־בְּמִצְרַיִם וְאֶרְאֶה הַעוֹדָם חַיִּים
יט וַיֹּאמֶר יִתְרוֹ לְמֹשֶׁה לֵךְ לְשָׁלוֹם׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה
בְּמִדְיָן לֵךְ שֻׁב מִצְרָיִם כִּי־מֵתוּ כָּל־הָאֲנָשִׁים הַמְבַקְשִׁים
כ אֶת־נַפְשֶׁךָ׃ וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת־אִשְׁתּוֹ וְאֶת־בָּנָיו וַיַּרְכִּבֵם
עַל־הַחֲמֹר וַיָּשָׁב אַרְצָה מִצְרָיִם וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת־מַטֵּה
כא הָאֱלֹהִים בְּיָדוֹ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה בְּלֶכְתְּךָ לָשׁוּב
מִצְרַיְמָה רְאֵה כָּל־הַמֹּפְתִים אֲשֶׁר־שַׂמְתִּי בְיָדֶךָ וַעֲשִׂיתָם
לִפְנֵי פַרְעֹה וַאֲנִי אֲחַזֵּק אֶת־לִבּוֹ וְלֹא יְשַׁלַּח אֶת־הָעָם׃
כב וְאָמַרְתָּ אֶל־פַּרְעֹה כֹּה אָמַר יְהוָה בְּנִי בְכֹרִי יִשְׂרָאֵל׃
כג וָאֹמַר אֵלֶיךָ שַׁלַּח אֶת־בְּנִי וְיַעַבְדֵנִי וַתְּמָאֵן לְשַׁלְּחוֹ הִנֵּה אָנֹכִי
כד הֹרֵג אֶת־בִּנְךָ בְּכֹרֶךָ׃ וַיְהִי בַדֶּרֶךְ בַּמָּלוֹן וַיִּפְגְּשֵׁהוּ יְהוָה

כה וַיְבַקֵּשׁ הֲמִיתוֹ׃ וַתִּקַּח צִפֹּרָה צֹר וַתִּכְרֹת אֶת־עָרְלַת בְּנָהּ
כו וַתַּגַּע לְרַגְלָיו וַתֹּאמֶר כִּי חֲתַן־דָּמִים אַתָּה לִי׃ וַיִּרֶף מִמֶּנּוּ
אָז אָמְרָה חֲתַן דָּמִים לַמּוּלֹת׃ פ
כז וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־אַהֲרֹן לֵךְ לִקְרַאת מֹשֶׁה הַמִּדְבָּרָה וַיֵּלֶךְ
כח וַיִּפְגְּשֵׁהוּ בְּהַר הָאֱלֹהִים וַיִּשַּׁק־לוֹ׃ וַיַּגֵּד מֹשֶׁה לְאַהֲרֹן
אֵת כָּל־דִּבְרֵי יְהוָה אֲשֶׁר שְׁלָחוֹ וְאֵת כָּל־הָאֹתֹת אֲשֶׁר
כט צִוָּהוּ׃ וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן וַיַּאַסְפוּ אֶת־כָּל־זִקְנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃
ל וַיְדַבֵּר אַהֲרֹן אֵת כָּל־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר־דִּבֶּר יְהוָה אֶל־
לא מֹשֶׁה וַיַּעַשׂ הָאֹתֹת לְעֵינֵי הָעָם׃ וַיַּאֲמֵן הָעָם וַיִּשְׁמְעוּ כִּי־
פָקַד יְהוָה אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְכִי רָאָה אֶת־עָנְיָם וַיִּקְּדוּ
וַיִּשְׁתַּחֲווּ׃

ה

שב׳ וְאַחַר בָּאוּ מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן וַיֹּאמְרוּ אֶל־פַּרְעֹה כֹּה־אָמַר
יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל שַׁלַּח אֶת־עַמִּי וְיָחֹגּוּ לִי בַּמִּדְבָּר׃
ב וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה מִי יְהוָה אֲשֶׁר אֶשְׁמַע בְּקֹלוֹ לְשַׁלַּח אֶת־
יִשְׂרָאֵל לֹא יָדַעְתִּי אֶת־יְהוָה וְגַם אֶת־יִשְׂרָאֵל לֹא אֲשַׁלֵּחַ׃
ג וַיֹּאמְרוּ אֱלֹהֵי הָעִבְרִים נִקְרָא עָלֵינוּ נֵלֲכָה נָּא דֶּרֶךְ
שְׁלֹשֶׁת יָמִים בַּמִּדְבָּר וְנִזְבְּחָה לַיהוָה אֱלֹהֵינוּ פֶּן־יִפְגָּעֵנוּ
ד בַּדֶּבֶר אוֹ בֶחָרֶב׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם מֶלֶךְ מִצְרַיִם לָמָּה מֹשֶׁה
וְאַהֲרֹן תַּפְרִיעוּ אֶת־הָעָם מִמַּעֲשָׂיו לְכוּ לְסִבְלֹתֵיכֶם׃
ה וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה הֵן־רַבִּים עַתָּה עַם הָאָרֶץ וְהִשְׁבַּתֶּם אֹתָם
ו מִסִּבְלֹתָם׃ וַיְצַו פַּרְעֹה בַּיּוֹם הַהוּא אֶת־הַנֹּגְשִׂים בָּעָם
ז וְאֶת־שֹׁטְרָיו לֵאמֹר׃ לֹא תֹאסִפוּן לָתֵת תֶּבֶן לָעָם לִלְבֹּן
הַלְּבֵנִים כִּתְמוֹל שִׁלְשֹׁם הֵם יֵלְכוּ וְקֹשְׁשׁוּ לָהֶם תֶּבֶן׃
ח וְאֶת־מַתְכֹּנֶת הַלְּבֵנִים אֲשֶׁר הֵם עֹשִׂים תְּמוֹל שִׁלְשֹׁם
תָּשִׂימוּ עֲלֵיהֶם לֹא תִגְרְעוּ מִמֶּנּוּ כִּי־נִרְפִּים הֵם עַל־כֵּן
ט הֵם צֹעֲקִים לֵאמֹר נֵלְכָה נִזְבְּחָה לֵאלֹהֵינוּ׃ תִּכְבַּד הָעֲבֹדָה
י עַל־הָאֲנָשִׁים וְיַעֲשׂוּ־בָהּ וְאַל־יִשְׁעוּ בְּדִבְרֵי־שָׁקֶר׃ וַיֵּצְאוּ

טייטן. [25] האָט צפּורה גענומען אַ שאַרפן שטיין, און האָט אָפּגעשניטן די פאָרהויט פון איר זון, און האָט צוגערירט צו זיינע פיס; און זי האָט געזאָגט: פאַרוואָר, אַ בלוט־חתן ביסטו מיר. [26] און ער האָט אים אָפּגעלאָזט. דעמאָלט האָט זי דאָס געזאָגט „אַ בלוט־חתן", פון וועגן דער באַשניידונג.

[27] און גאָט האָט געזאָגט צו אַהרנען: גיי אַנטקעגן משהן צום מדבר. איז ער געגאַנגען, און האָט אים באַגעגנט אויפן באַרג פון גאָט, און ער האָט אים געקושט. [28] און משה האָט דערציילט אַהרנען אַלע ווערטער פון גאָט, מיט וואָס ער האָט אים געשיקט, און אַלע צייכנס וואָס ער האָט אים באַפוילן.

[29] און משה און אַהרן זיינען געגאַנגען און האָבן אײַנגעזאַמלט אַלע עלטסטע פון די קינדער פון ישראל. [30] און אַהרן האָט גערעדט אַלע ווערטער, וואָס גאָט האָט גערעדט צו משהן, און ער האָט געטאָן די צייכנס פאַר די אויגן פון פאָלק. [31] און דאָס פאָלק האָט געגלויבט; און ווי זיי האָבן געהערט אַז גאָט האָט געדאַכט אָן די קינדער פון ישראל, און אַז ער האָט געזען זייער פּיין, אַזוי האָבן זיי זיך געניגט און זיך געבוקט.

ה [1] און דערנאָך זיינען משה און אַהרן געקומען, און האָבן געזאָגט צו פּרעהן: אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער גאָט פון ישראל: לאָז אַוועק מיין פאָלק, זיי זאָלן האַלטן אַ יום־טוב צו מיר אין דער מדבר. [2] האָט פּרעה געזאָגט: ווער איז יהוה, אַז איך זאָל צוהערן צו זיין קול, אַוועקצולאָזן ישראל? ניט איך קען יהוה, און ניט איך וועל אויך אַוועקלאָזן ישראל. [3] האָבן זיי געזאָגט: דער גאָט פון די עברים האָט זיך געטראָפן פאַר אונדז. לאָמיר, איך בעט דיך, גיין דריי טעג וועגס אין דער מדבר, און מיר וועלן שלאַכטן צו יהוה אונדזער גאָט, כדי ער זאָל אונדז ניט פלאָגן מיט אַ מגפה אָדער מיט שווערד. [4] האָט דער מלך פון מצרים צו זיי געזאָגט: נאָך וואָס, משה און אַהרן, רייסט איר אָפּ דאָס פאָלק פון זיין אַרבעט? גייט צו אייערע לאַסטאַרבעט. [5] און פּרעה האָט געזאָגט: דאָס פאָלק פון לאַנד איז שוין אַצונד אויך צו פיל, און איר ווילט זיי נאָך שטערן פון זייערע לאַסטאַרבעט.

[6] און פּרעה האָט באַפוילן אין יענעם טאָג די צווינגערס אין דעם פאָלק, און זיינע אויפזעערס, אַזוי צו זאָגן: [7] איר זאָלט מער ניט געבן דעם פאָלק שטרוי אויף צו מאַכן די ציגל, אַזוי ווי נעכטן־אייערנעכטן. זיי אַליין זאָלן גיין, און זיך אָנקלייבן שטרוי. [8] און די צאָל ציגל, וואָס זיי האָבן געמאַכט נעכטן־אייערנעכטן, זאָלט איר אַרויפלייגן אויף זיי; איר זאָלט דערפון ניט מינערן; וואָרום פויל זיינען זיי, דרום שרייען זיי, אַזוי צו זאָגן: מיר ווילן גיין שלאַכטן צו אונדזער גאָט. [9] זאָל די אַרבעט שווערער זיין אויף די לייט, אַז זיי זאָלן זיין פאַרטאָן מיט איר, און זיך ניט פאַרנעמען מיט פאַלשע גערייד.

נֹגְשֵׂי הָעָם וְשֹׁטְרָיו וַיֹּאמְרוּ אֶל־הָעָם לֵאמֹר כֹּה אָמַר
יא פַּרְעֹה אֵינֶנִּי נֹתֵן לָכֶם תֶּבֶן׃ אַתֶּם לְכוּ קְחוּ לָכֶם תֶּבֶן
יב מֵאֲשֶׁר תִּמְצָאוּ כִּי אֵין נִגְרָע מֵעֲבֹדַתְכֶם דָּבָר׃ וַיָּפֶץ הָעָם
יג בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם לְקֹשֵׁשׁ קַשׁ לַתֶּבֶן׃ וְהַנֹּגְשִׂים אָצִים
לֵאמֹר כַּלּוּ מַעֲשֵׂיכֶם דְּבַר־יוֹם בְּיוֹמוֹ כַּאֲשֶׁר בִּהְיוֹת
יד הַתֶּבֶן׃ וַיֻּכּוּ שֹׁטְרֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־שָׂמוּ עֲלֵהֶם נֹגְשֵׂי
פַרְעֹה לֵאמֹר מַדּוּעַ לֹא כִלִּיתֶם חָקְכֶם לִלְבֹּן כִּתְמוֹל
טו שִׁלְשֹׁם גַּם־תְּמוֹל גַּם־הַיּוֹם׃ וַיָּבֹאוּ שֹׁטְרֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
טז וַיִּצְעֲקוּ אֶל־פַּרְעֹה לֵאמֹר לָמָּה תַעֲשֶׂה כֹה לַעֲבָדֶיךָ׃ תֶּבֶן
אֵין נִתָּן לַעֲבָדֶיךָ וּלְבֵנִים אֹמְרִים לָנוּ עֲשׂוּ וְהִנֵּה עֲבָדֶיךָ
יז מֻכִּים וְחָטָאת עַמֶּךָ׃ וַיֹּאמֶר נִרְפִּים אַתֶּם נִרְפִּים עַל־כֵּן
יח אַתֶּם אֹמְרִים נֵלְכָה נִזְבְּחָה לַיהוָה׃ וְעַתָּה לְכוּ עִבְדוּ
יט וְתֶבֶן לֹא־יִנָּתֵן לָכֶם וְתֹכֶן לְבֵנִים תִּתֵּנוּ׃ וַיִּרְאוּ שֹׁטְרֵי בְנֵי־
יִשְׂרָאֵל אֹתָם בְּרָע לֵאמֹר לֹא־תִגְרְעוּ מִלִּבְנֵיכֶם דְּבַר־יוֹם
כ בְּיוֹמוֹ׃ וַיִּפְגְּעוּ אֶת־מֹשֶׁה וְאֶת־אַהֲרֹן נִצָּבִים לִקְרָאתָם
כא בְּצֵאתָם מֵאֵת פַּרְעֹה׃ וַיֹּאמְרוּ אֲלֵהֶם יֵרֶא יְהוָה עֲלֵיכֶם
וְיִשְׁפֹּט אֲשֶׁר הִבְאַשְׁתֶּם אֶת־רֵיחֵנוּ בְּעֵינֵי פַרְעֹה וּבְעֵינֵי
מפ׳ עֲבָדָיו לָתֶת־חֶרֶב בְּיָדָם לְהָרְגֵנוּ׃ וַיָּשָׁב מֹשֶׁה אֶל־יְהוָה
וַיֹּאמַר אֲדֹנָי לָמָה הֲרֵעֹתָה לָעָם הַזֶּה לָמָּה זֶּה שְׁלַחְתָּנִי׃
כג וּמֵאָז בָּאתִי אֶל־פַּרְעֹה לְדַבֵּר בִּשְׁמֶךָ הֵרַע לָעָם הַזֶּה וְהַצֵּל
לֹא־הִצַּלְתָּ אֶת־עַמֶּךָ׃

ו

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה עַתָּה תִרְאֶה אֲשֶׁר אֶעֱשֶׂה לְפַרְעֹה
כִּי בְיָד חֲזָקָה יְשַׁלְּחֵם וּבְיָד חֲזָקָה יְגָרְשֵׁם מֵאַרְצוֹ׃ ס

10 זײַנען אַרויסגעגאַנגען די צווינגערס פֿון דעם פֿאָלק, און זײַנע אויפֿזעערס, און האָבן געזאָגט צום פֿאָלק, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט פּרעה: איך גיב אײַך ניט קיין שטרוי. 11 גייט איר, קריגט אײַך שטרוי פֿון וווּ איר קענט געפֿינען; וואָרום פֿון אײַער אַרבעט ווערט גאָרניש געמינערט.

12 האָט זיך דאָס פֿאָלק צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם, צו קלײַבן זאַנגוואָרצל פֿאַר שטרוי. 13 און די צווינגערס האָבן געטריבן, אַזוי צו זאָגן: ענדיקט אײַערע טאָגטעגלעכע אַרבעט, אַזוי ווי בעת עס איז געווען שטרוי. 14 און די אויפֿזעערס פֿון די קינדער פֿון ישׂראל, וואָס די צווינגערס פֿון פּרעהן האָבן אויפֿגעזעצט איבער זיי, האָבן געקריגן געשלאָגן, אַזוי צו זאָגן: פֿאַרוואָס האָט איר ניט געענדיקט אײַער סכום ציגל אַזוי ווי פֿריִער, אי נעכטן אי הײַנט?

15 זײַנען געקומען די אויפֿזעערס פֿון די קינדער פֿון ישׂראל, און האָבן געשריִען צו פּרעהן, אַזוי צו זאָגן: פֿאַרוואָס טוסטו אַזוי צו דײַנע קנעכט? 16 קיין שטרוי ווערט ניט געגעבן דײַנע קנעכט, און מע הייסט אונדז: מאַכט ציגל; און זע, דײַנע קנעכט קריגן געשלאָגן, און די שולד איז אין דײַן פֿאָלק. 17 האָט ער געזאָגט: פֿויל זײַט איר, פֿויל; דרום זאָגט איר: מיר ווילן גיין שלאַכטן צו יהוה. 18 און אַצונד, גייט אַרבעט, וואָרום קיין שטרוי וועט אײַך ניט געגעבן ווערן, און די צאָל ציגל מוזט איר צושטעלן.

19 האָבן די אויפֿזעערס פֿון די קינדער פֿון ישׂראל זיך געזען אין אַן אומגליק, צו מוזן זאָגן: איר טאָרט ניט מינערן פֿון אײַערע טאָגטעגלעכע ציגל. 20 און זיי האָבן געטראָפֿן משהן און אַהרנען, שטייענדיק אַקעגן זיי, בײַ זייער אַרויסגיין פֿון פּרעהן; 21 און זיי האָבן צו זיי געזאָגט: זאָל גאָט אַראָפּקוקן אויף אײַך, און משפּטן, וואָס איר האָט פֿאַרמיאוסט אונדזער ריח אין די אויגן פֿון פּרעהן, און אין די אויגן פֿון זײַנע קנעכט, צו געבן אַ שווערד אין זייער האַנט אונדז צו הרגען.

22 האָט משה זיך צוריקגעקערט צו גאָט, און האָט געזאָגט: גאָט, פֿאַרוואָס טוסטו שלעכטס דעמדאָזיקן פֿאָלק? צוואָס גאָר האָסטו מיך געשיקט? 23 אַז זינט איך בין געקומען צו פּרעהן, צו רעדן אין דײַן נאָמען, באַגייט ער זיך נאָך ערגער מיט דעמדאָזיקן פֿאָלק, און מציל זײַן האָסטו ניט מציל געווען דײַן פֿאָלק.

ו 1 האָט גאָט געזאָגט צו משהן: אַצונד וועסטו זען וואָס איך וועל טאָן צו פּרעהן; וואָרום דורך אַ שטאַרקער האַנט וועט ער זיי אַװעקלאָזן, און דורך אַ שטאַרקער האַנט וועט ער זיי אַרויסטרײַבן פֿון זײַן לאַנד.

## וָאֵרָא

ב ג וַיְדַבֵּר אֱלֹהִים אֶל־מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי יְהוָה׃ וָאֵרָא
אֶל־אַבְרָהָם אֶל־יִצְחָק וְאֶל־יַעֲקֹב בְּאֵל שַׁדָּי וּשְׁמִי יְהוָה
ד לֹא נוֹדַעְתִּי לָהֶם׃ וְגַם הֲקִמֹתִי אֶת־בְּרִיתִי אִתָּם לָתֵת

2 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, און האָט צו אים געזאָגט: איך בין יהוה; 3 און איך האָב זיך באַוויזן צו אַברהמען, צו יצחקן, און צו יעקבן, ווי גאָט שַדַי, אָבער מיט מײַן נאָמען יהוה האָב איך זיך ניט געלאָזט דערקענען צו זיי. 4 און איך האָב אויך אויפֿגעשטעלט מײַן בונד מיט זיי,